# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת וארא תשפ"ה שנה י | גליון מס' 566



ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919

9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פנינים בעניני תפילה פון די וואכעדיגע פרשה

## די אנדערשקייט פון מכת בכורות פון אלע אנדערע מכות

**"וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה רְאֵה נְתַתִּיךָ אֱלֹהִים לְפַרְעֹה וְאַהֲרֹן אָחִיךָ יִהְיֶה נְבִיאֶךָ"** (ז א)

האט דער בריסקער רב הגרי"ז געגעבן צו פארשטיין:

אין די משנה אין מסכת עדויות שטייט (ב י): "משפט המצרים שנים עשר חודש" אז די משפט פון די מצרים איז געווען צוועלף חדשים.

פון דא זעט מען א מורא'דיגע זאך, מיר האבן געקענט מיינען אז די מכות וואס הקב"ה האט געשיקט פאר די מצרים איז געווען מכניע צו זיין די מצרים און זיי צו צוברענגען אז זיי זאלן זיך בייגן און ארויסלאזן די אידן פון מצרים, אבער דא בין איך מגלה אז די סיבה צו די מכות איז געווען אלץ אן עונש פאר די מצרים אויף זייערע מעשים.

דער עונש איז זיך זיי געקומען ווייל הקב"ה האט מבטיח געווען פאר אברהם אבינו ביי די ברית בין הבתרים, אז די פאלק וואס וועט פייניגן די אידן וועט באקומען זייער פארדינטער שטראף, ווי דער פסוק דרוקט זיך דארט אויס (בראשית טו יד): "וְגַם אֶת הַגּוֹי אֲשֶׁר יַעֲבֹדוּ דָּן אָנֹכִי ואחר כן יצאו ברכש גדול".

אבער דאס איז גוט ביי אלע מכות. ווען עס קומט צו די מכה פון בכורות איז אלעס אנדערש, די מכה איז נישט געווען קיין עונש, עס איז געווען א מיטל מזרז צו זיין די מצרים אז זיי זאלן ארויסלאזן די אידישע קינדער פון מצרים. דאס זעט מען קלאר פון דער לשון הפסוק (לעיל ד כג): "שלח את בני ויעבדני וַתְּמָאֵן לְשַׁלְּחוֹ הִנֵּה אָנֹכִי הֹרֵג אֶת בִּנְךָ בְּכֹרֶךָ".

עס קומט אויס אז עס איז דא צוויי ערליי מכות, עס איז דא די צען מכות און ווייטער איז דא די מכה פון בכורות.

מיט דער יסוד אז די מכה פון די בכורות איז אנדערש פון אלע אנדערע מכות קען מען פארשטיין פארוואס ביי דער פיוט "דיינו" וועלכע מיר זאגן פסח ביינאכט טיילן מיר אפ די מכה פון די בכורות פון אנדערע מכות. מען זאגט ערשט: "אילו עשה בהם שפטים ולא עשה באלהיהם - דיינו און נאך דעם זאגט מען: אילו עשה באלהיהם ולא הרג את בכוריהם - דיינו - ווייל די מכה פון בכורות איז אנדערש, עס איז נישט בגדר א שטראף, נאר עס איז געקומען צו צווינגען די מצרים אז זיי זאלן ארויסלאזן די אידן פון מצרים.

מיט דער געדאנק פארשטייט מען אויך פארוואס ווען מען זאגט יעדן צופרי' ביים דאווענען די שטיקל פון "עזרת אבותינו" וואו מען רעדט ארום פון יציאת מצרים דערמאנט מען נישט די מכות נאר די מכה פון בכורות זאגנדיג: "אמת ממצרים גאלתנו ... ומבית עבדים פדיתנו כל בכוריהם הרגת ובכורך ישראל גאלת" - ווייל נאר די מכה פון בכורות איז געבינדן צו יציאת מצרים, נאר זי איז געקומען מיט'ן ציל צו צווינגען די מצרים אז זיי זאלן ארויסשיקן די אידן פון מצרים משא"כ די אנדערע מכות זענען געקומען מיט'ן ציל צו באשטראפן די מצרים אויפ'ן ארבעטן שווער מיט די אידן.

הגדה של פסח 'מבית לוי' עמ' קעז

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

## א דעקלאראציע פון מסירות נפש

אין ספר דניאל (פרק ג) ווערט געשילדערט די אויסטערלישע מסירות נפש פון חנניה מישאל ועזריה ווען דער רשע נבוכדנצר האט זיי געצווינגען זיך צו בוקן צו די גאלדענע צלם, וועלכע ער האט אויפגעשטעלט אין די שטאט. די עונש פאר איינער וואס וועט זיך נישט בוקן איז געווען טויט דורך פייער, מען האט דעם באשולדיגטן אריינגעווארפן אין א ברענענדיגע קאלעך אויוון, אבער מיט דעם אלעם האבן זיך חנניה מישאל ועזריה זיך געשטארקט און האבן זיך נישט געבוקט.

דער בבלישער קעניג האט געהאלטן ווארט, ער האט געהייסן אז מען זאל זיי אריינווארפן אין קאלעך אויוון אבער זיי האבן עס איבערגעלעבט.

די הייליגע חכמים (פסחים נג ב) זענען אונז מגלה פון וואו חנניה מישאל און עזריה האבן זיך געלערנט דער געדאנק פון מסירות נפש, אז זיי האבן עס געלערנט פון די פרעש אין מצרים.

ווען מען האט געהייסן פאר די פרעש ארומצוגיין אין מצרים אין די מצרישע שטובער זענען די פרעש אריין אין די אויוועגעס און זיך מוסר נפש געווען מקיים צו זיין די ציווי פון הקב"ה.

פון דאן אן זענען די פרעש געבליבן דער סימבאל פון מסירות נפש.

כלל ישראל איז אריבער א לאנגע גלות. דורכאויס די יארן האט כלל ישראל מקריב געווען אסאך קרבנות אויפ'ן קידוש שמו יתברך און אלעס נעמט זיך מכח די אמונה פשוטה וועלכע איז איינגעפלאנצט אין יעדער אידישער הארץ און גייט אריבער מדור דור.

ווי געזאגט, דער מקור צו מסירות נפש איז אמונה, די אמונה פשוטה וועלכע איז איינגעפלאנצט אין יעדער אידיש הארץ. די שורש צו די אמונה איז מכח די אמן, דער 'אמן' איז ראשי תיבות די ווערטער, אני מוסר נפשי.

ווען א איד רופט אויס אמן בכוונה רופט ער אויס אז ער גלייבט אז הקב"ה איז דער בורא כל העולמים, אז ער איז דער "א-ל מלך נאמן" (שבת קיט ב) און מיט דעם צעמענטירט ער זיין אמונה אין זיין הארץ, אז עס שרייט זיך ארויס פון זיך אליין די הכרזה פון "אני מוסר נפשי".

מיט דעם דערהער אז דער 'אמן' איז א סימבאל פון מסירות נפש פארשטייט מען זייער גוט די ווערטער פון דער בעל 'סמיכת חכמים' וועמענס יארצייט עס פאלט אויס די וואך אז דער וואס ענטפער 'אמן בכוונה' ווערט אנגערופן א קדוש, ווי דער לשון איז 'קדוש יקרא' (ספר הצוואה אות כו) ווייל ווען א איד זאגט אמן מיט כוונה און האט אינזינען די מסירות נפש ווערט עס גערעכנט ווי ער האט זיך מוסר נפש געווען פאר השי"ת און ער ווערט איין חלק מיט די אידן וואס זענען אומגעקומען אויף קידוש שמו יתברך.

עס איז זיכער אז ווען א איד וועט עס אנקוקן אזוי וועט ער נישט מוותר זיין אויף אן אמן, ער וועט שפירן א זכיה צו זאגן טעגליך די אמן און אויפשטיין פרי צו איר.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל קענען זוכה זיין דערצו.

**מיט א קריאה**
**פון "אני מוסר נפשי"**
**שבת שלום**

יעקב דוב מארמערשטיין

# — א שחרית ביים נץ — צווישן זאמד און הימל —

אין די טונקעלע באגדאדער געסלעך, אין די שפעטע נאכט שעה'ן, האט א שווארצער געשטאלט געכאפט איר לעצטער בליק אויף זיין הויזגעזינד, איידער ער האט זיך ארויסגעלאזט אויף זיין שרעקעדיגע רייזע.

די גאס איז ליידיג פון מענטשן אבער דאס הארץ איז אנגעפולט מיט שרעק, די צייט שרייט אויס פחד ואימה, אין די גארער וועלט בושוועוועט א ביטערע קריג, די ביטערע ערשטע וועלט קריג וועלכע האט איבערגעלאזט נאך איר א חורבן אפקאסטנדיג דאס לעבן פון שווערע מיליאנער בירגער איז יעצט ארויס אין איר וועג.

די פראנטן פון די קריג שלעפט אריין אין איר די גאנצע וועלט. פון איין זייט שטייט דייטשלאנד, עסטרייך אונגארן און קעגן דעם שטייט ענגלאנד און אמעריקע, אבער נאך איין זייט שפילט דא א ראלע, די זייט פון טערקיי.

טערקיי - א וועלטס אימפעריע - שליסט זיך אן אין די קריג און שטעלט זיך אויף די זייט פון דייטשלאנד און הייבט אן קעמפן קעגן די פרייע וועלט. ביים ענדע פון די קריג וועט טערקיי געוואויר ווערן אז די קריג האט איר געקאסט די אימפעריע, אבער ביני לביני וועלן אסאך אידן צאלן א ביטערע פרייז פאר די קריג.

די טערקישע אימפעריע האט לאנגע יארן אפגעצייכנעט גרויסע נצחונות אבער אין די לעצטערע יארן איז איר מיליטער געווען שטארק אפגעשוואכט. די מיליטער איז געווען נאכגעלאזן, דעמאראליזירט, די קארופציע איז געווען אויף אירע העכסטע שטאפלען. זוכנדיג נאכצוקומען די סטאנדארטן פון די קריג האט זי געכאפט יונגע מענטשן אין די גאסן און איר מאבליזירט געצוואונגענערהייט צו די קריג.

מיט די מינימאלע טרענירונג, מיט שוואכע אפגענוצטע געווער, האט מען ארויסגעשיקט די מיליטערלייט קעמפן און די רעזולטאטן זענען געווען פאטאלע. טאג טעגליך זענען די מיליטערלייט געפאלן אין די שלאכטן דערלייגנדיג דערביי דאס שענסטע און דאס בעסטע פון אירע קעמפער.

אויך אידן זענען געשלעפט געווארן אין די מיליטער. אין מערערע לענדער זענען די טערקן געווען די געוועלטיגער, בימים ההם האבן זיי שולט געווען אויף ארץ ישראל און אויך אויף די ארומיגע לענדער ווי עיראק, ירדן און אלע אירע אידן זענען געכאפט געווארן און מאבליזירט געווארן צו די מיליטער.

דער גיין אין די טערקישע מיליטער איז געווען א זיכערע סכנה אבער דער נישט גיין איז אויך געווען פארבינדן מיט ביטערע סכנה'ס. די טערקישע מיליטער הויפטן זענען אריבער פון שטוב צו שטוב און אריינגעשלעפט מענטשן אין די מיליטער. אז זיי האבן געטראפן איינער וואס האט זיך ארויסגעדריידט פון זייערע לאפעס האט מען יענעם געהאנגען אין די גאסן.

די דיעלמע איז געווען גרויס, די געפאר האט געהאנגען אין די לופט און יעדער וואס האט זיך געקענט ארויסדרייען האט עס געטון. אויך די וואס האט נישט געהאט קיין שום אויסוועג האבן געטון השתדלות זיך ארויסצוזען פון דער פלאנטער, די איינציגסטע אויסוועג איז געווען זיך ארויסצושמוגלען פון לאנד.

צווישן די גדולי הרבנים אין די שטאט באגדאד האט זיך געצייכנט רבי בן ציון מאיר מוצאפי זצ"ל דער זון פון רבי יחזקאל מוצאפי זצ"ל דער ראש הישיבה פון די 'מדרש בית זילכה' תורה צענטער.

אויך ער, זייענדיג אין זיינע יונגע יארן האט זיך געפינען אין די סכנה. נישט וועלענדיג אז מען זאל אים אריינשלעפן אין די מיליטער האט ער באשלאסן צו מאכן פליטה און פארלאזן דאס לאנד.

וויסנדיג אז אויב ער וועט בלייבן אין שטוב וועט מען אים אריינשלעפן אין מיליטער האט ער זיך ארויסגעלאזט צו די ווייטע צפון געגענטער אין איראק האפענענדיג אז דארט וועט ער קענען טרעפן א וועג ווי אזוי זיך ארויסצושמוגלען פון לאנד און לויז ווערן פון די טערקישע מיליטער.



די אל ראשיד גאס אין באגדאד

מיט א שווער הארץ און מיט צאפעלענדע טריט האט ער זיך געזעגנט פון זיין משפחה שעפשענדיג א תפילה אז ער זאל נישט פארכאפט ווערן אינמיטן וועג נאר סוקסעספול אנקומען צו זיין ציל.

נאך פון פריער האט ער זיך אפגעשמועסט מיט א גרופע שמוגלער אז ער וועט זיך אנשליסן מיט זיי אין די שפעטע נאכט שטונדן און אינאיינעם וועלן זיי אנטלויפן פון איראק.

ארומגענומען מיט עטליכע מוסלמענער גוים, דער איינציגער איד צווישן א גרופע מוסלמענער, האט ער זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג האפענענדיג אז זיי וועלן עס קענען איבערלעבן.

די וועג איז געווען א שווערע. דורך געדרייטע וועגן זענען זיי געפארן. אין צוגאב צו די געדריידטע וועגן קומט צו די שרעק וועלכע לאזט נישט נאך, עס האלט אין איין נאגן אין הארץ, ערציטערט טאמער וועלן זיי ווערן אנטדעקט דורך די טערקן און דאן וועט זייער גורל זיין ביטער.

אגאנצן טאג איז מען געפארן, פארנאכטס האט מען זיך אפגעשטעלט געבנדיג פאר די רייזענדער די מעגליכקייט אויסצוזיין די ביינער. די שמוגלער האבן גוט געקענט דאס געגענט און האבן זיך געהאט זייערע פלעצער און איינס פון זיי איז געווען א פארבארגענער הייל אין די טיפע בערג.

די גרופע האבן זיך געלייגט שלאפן ווען הרב מוצאפי כאפט אריין אויסנוצענדיג די צייט צו לערנען אביסל תורה.

הארט פאר'ן זון אויפגאנג האט דער שמוגלער אויפגעוועקט אלעמען זאגנדיג אז מען דארף זיך ארויסלאזן אויפ'ן וועג.

"אפשר קען מען ווארטן נאך א שעה?". האט רב' בן ציון זיך פראבירט איינצובעטן ביים שמוגלער געבנדיג צו פארשטיין זיין בקשה.

"אין א שעה ארום וועט דער זון אויפגיין און איך וועל קענען דאווענען שחרית".

מיט א הילכיגער געלעכטער האט דער שמוגלער אפגעלאכט זיין ביטע.

"דו פארשטייסט נישט, מיר האבן פאר זיך א שווערע וועג, מיר דארפן גיין אויף געדרייטע וועגן, מיר מוז'ן אריינכאפן צוגיין דאס וועג, איידער עס ווערט ליכטיג. אין די רגע אז עס ווערט ליכטיג קענען זיי אונז זען".

דער שמוגלער לאזט נישט איבער קיין אויסוועגן אבער ר' בן ציון איז פאר'עקשנ'ט - ער באשלוסט אז ער גייט בלייבן דאווענען.

"איך וועל אונטערקומען" זאגט רבי בן ציון פאר דער הויפט.

די מיטגלידער אין די גרופע שטעלן זיך אויף די זייט פון דער שמוגלער. זיי בעטן ר' בן ציון ער זאל נישט טון די נארישקייט, ער זאל נישט בלייבן דא, אבער ר' בן ציון האלט זיך ביי דאס זייניגע.

מיט א ברען, מיט א חיות שטעלט ער זיך דאווענען, ער לייגט תפילין און פארלירט נישט קיין צייט, ער וויל נאך קענען אניאגן צו טרעפן די גרופע, ער הייבט אן ארויפצוגיין די הויכע בערג, די געדרייטע וועגן, אפשר וועט ער נאך אניאגן זיי צו באגעגענען.

ער יאגט נישט צוגיין צו ווייט ווען פאר זיינע אויגן אנטפלעקט זיך א שרעקעדיגע בילד - ער זעט פונדערווייטנס ווי די גאנצע גרופע מיטוועמען ער האט געמאכט די וועג שפאצירן הינטער זיינע פוס אבער זיי זענען ארומגענומען מיט די טערקישע סאלדאטן.

זיי האבן דערוווישט זיין גרופע, צווישן זאמד און די הימל הייבט ער אויף זיינע צווי הענט צום הימל און דאנקט הקב"ה אויף די גרויסע נס, נאר אדאנק זיין עקשנות צו דאווענען אויפ'ן ארט איז ער ניצול געווארן פון א זיכערע טויט.

'שבילי התורה' פרשת וירא

## — דער דין פון מפסיק זיין אויף אן 'אמן' צווישן ברכת קריאת שמע און 'קריאת שמע' —

**אין 'שלחן ערוך' ווערט גע'פסקנ'ט אז ווען א מענטש ענדיגט די ברכה פון "הבוחר בעמו ישראל באהבה" [אדער פון "אוהב עמו ישראל" - ביי מעריב] פאר די חזן ענדיגט עס זאל ער נישט זאגן קיין אמן נאך די ברכה ווען ער הערט עס פון אנדערע, ווייל מען טאר נישט מפסיק זיין צווישן איר און קריאת שמע[1]. עס איז דא וואס זאגן אז אויך ווען ער האלט נאך די ברכה פון "יוצר המאורות" [אדער "המעריב ערבים" ביי מעריב] זאל ער נישט ענטפערן קיין אמן ווען ער האט הערט איינעם מסיים זיין די ברכה[2]. אבער דער רמ"א קריגט אויף דעם און ער האלט אז איינער וואס שטייט נאך די ברכות וואס זענען נישט ממש פאר קריאת שמע, ווי ביי די ברכה פון יוצר אור, מעג ער ענטפערן אמן אזוי ווי די הלכה איז די וואס שטיין צווישן די פרקי קריאת שמע וברכותיה[3]. אבער פונדעסטוועגן זאגן די פוסקים אז ווער עס שטייט נאך די ברכה פון "הבוחר בעמו ישראל באהבה" זאל נישט ענטפערן אמן נאך די ברכה נאר אויב הערט די ברכה אליין[4].**

**אז מען וויל יוצא זיין אלע דיעות זאל מען אויסשטעלן צו מאכן די ברכה פון "הבוחר בעמו ישראל באהבה" צוזאמען מיט דער שליח ציבור ווייל דעמאלטס איז לכולי עלמא אז מען זאגט נישט קיין אמן - ווייל די הלכה איז אז מען זאגט נישט קיין אמן נאך די אייגענע ברכה[5].**

---

1. דער 'בית יוסף' (או"ח נט) ברענגט אראפ א מחלוקת ראשונים אין דער גדר פון ברכות קריאת שמע: לויט דער רמב"ם (ברכות א יז) זענען די ברכות וואס מען מאכט פאר קריאת שמע ווי אנדערע ברכת המצות וואס מען מאכט פאר מען איז מקיים א מצוה און וועגן דעם זאל מען נישט מפסיק זיין צווישן איר און צווישן קריאת שמע. [און זעה דער מאירי (ברכות יא ב) אז ער לייגט צו נאכמער אז ווער עס קען נישט מאכן די ברכת קריאת שמע זאל מאכן א ברכה איידער די קריאה: "אשר קדשנו במצוותיו וציוונו לקרוא את שמע"] אבער דער רא"ש (בשו"ת כלל ד סי' יט, הביאו הטור שם) קריגט זיך און האלט אז די ברכת קריאת שמע זענען ברכות שבח וואס מען האט מתקן געווען עקסטער און די חכמים האבן אויסגעשטעלט אז מען זאל עס מסדר זיין פאר קריאת שמע און וועגן דעם האט עס נישט קיין דין פון ברכת המצוות און מען מעג מפסיק זיין צווישן איר און צווישן קריאת שמע צו ענטפערן אמן (וראה 'משנה ברורה' נט כד, כה). דער בית יוסף' איז מכריע להלכה ווי דער רמב"ם אז די ברכת קריאת שמע זענען א ברכת המצוה און אזוי פסק'נט אויך דער 'שלחן ערוך וז"ל' (שם ד): "ולא יענה אמן אחר סיום 'הבוחר בעמו ישראל באהבה', משום דהוי הפסק".

2. דער 'משנה ברורה' (שם כד; 'ביאור הלכה' שם) שרייבט אז דער ה'שלחן ערוך' האט נישט מקפיד געווען אויף א הפסקה צווישן קריאת שמע און צו די ברכה הסמוכה לה לפניה אבער אויב שטייט ער נאך די ברכה פון "יוצר" [אדער נאך "המעריב ערבים"] מעג ער יא ענטפערן אמן אויך לויט דער 'שלחן ערוך' כדין ווער עס שטייט בין הפרקים ביי די ברכות קריאת שמע. [זעה רמב"ן (ברכות יא ב) וואס שרייבט קלאר אז נאר די ברכה הסמוכה צו קריאת שמע האט א דין ווי ברכת המצווה אבער די ברכה פאר איר איז א ברכת שבח] אבער דער 'כף החיים' (נט כו) האלט אז לויט די שיטה פון דער 'שלחן ערוך' מעג מען נישט מפסיק זיין צו ענטפערו אמן נאך די ברכה וועלכע קומט פאר קריאת שמע, ווייל ביי ביידע איז דא דער דין פון ברכת המצווה (זע דארט אז ער רעכענט אויס אסאך פוסקים וואס האלטן אזוי און אז אזוי קומט אויך אויס פון די ווערטער פון שלחן ערוך אין זיין ספר 'בית יוסף' (שם) און אזוי פסק'נט אויך דער 'יביע אומר' (ח"ג או"ח סי' ו אות ה).

דער 'כף החיים' (שם) לייגט צו און איז מבאר מבאר אז אויך לויט דער 'שלחן ערוך' האלט ער ווי די וואס האלטן אז מען זאל נישט מפסיק זיין צו ענטפערן אמן נאך די צוויי ברכות, אבער לכתחילה איז בעסער אז דער ציבור זאל ענדיגן די ברכות מיט דער חזן, ווייל דעמאלטס זאגט מען נישט אמן לכולי עלמא ווייל די הלכה איז אז א מענטש ענטפערט נישט זיין אייגענע ברכות.

דער דיון איז נאר לגבי אמנ'ס נאך די ברכה וואס דער מענטש האט יעצט געענדיגט מאכן אבער לגבי אנדערע אמנים אדער אנדערע זאכן וואס מען האט מתיר געווען צו זאגן אויך צווישן די פרקי קריאת שמע וברכותיה מעג ער אויך ענטפערן נאך די ברכות צו קריאת שמע ('כסף משנה' קריאת שמע ב יז בשם רבינו יונה, הביאו ה'פרי חדש' סו א, וה'כף החיים' שם כז).

3. דער רמ"א (או"ח סא ג) פסק'נט ווי דער שיטת הרא"ש (שם) אז ברכות קריאת שמע איז נישט קיין ברכת המצווה און וועגן דעם מעג ער מפסיק זיין אינמיטן מיט אן אמן איידער ער ליינט קריאת שמע. דער'משנה ברורה' (שם כה) שרייבט אז די אחרונים האבן מסכים געווען אזוי להלכה.

4. 'דער משנה ברורה' (נט כה) ברענגט עס בשם דער 'דרך החיים' (דיני קר"ש יח) אבער אין 'פרי מגדים' (נא א"א ג) איז משמע אז אויך ווער עס שטייט צווישן די ברכה פון אהבה צו קריאת שמע קען ענטפערן יעדע אמן וואס מען האט מתיר געווען צו ענטפערן פאר די וואס שטיין צווישן פרקי קריאת שמע וברכותיה און זעה אין ספר 'הלכות יום ביום' (תפילה ח"ב פרק ו אות ל) אז דער גר"א האלט אויך אזוי.

דער 'דרך החיים' (שם) שרייבט אז די אמנים און די דברים שבקדושה מעג מען ענטפערן אויך ווען מען שטייט אינמיטן פרקי קריאת שמע וברכותיה און מען מעג אויך ענטפערן נאך זיי צווישן די ברכה פון אהבה צו קריאת שמע. עס איז מסתבר אז די 'המשנה ברורה' ברענגט נישט אראפ די ווערטער ווייל זיי זענען אזוי פשוט אז אויך לדעת ה'שלחן ערוך' מעג מען זיי ענטפערן.

5. אויך לויט די שיטה פון די רמ"א (סא ג) אז עס איז בעסער צו ענדיגן די ברכה פון "הבוחר" פאר די חזן צו קענען ענטפערן אמן נאך די ברכה, פונדעסטוועגן שרייבט דער של"ה הק' (מסכת תמיד נר מצוה אות מז) אז אויך לויט די וואס האלטן אז די ברכות פאר קריאת שמע איז א ברכת המצווה זאל מען נישט מפסיק זיין צווישן די ברכה פון "הבוחר" צו קריאת שמע, ווייל מען זאל נישט מפסיק זיין צווישן די "אהבה" וועלכע ווערט דערמאנט אין די ברכה ביז צו די "יראה" וועלכע ליגט אין די קבלת עול מלכות שמים פון קריאת שמע. אין ליכט פון דעם זאגן די אחרונים ('אליה רבה' שם ד; 'שערי תשובה' שם ה) אז לכתחילה איז בעסער אז די ציבור זאל ענדיגן די ברכה פון "הבוחר בעמו ישראל באהבה" צוזאמען מיט דער חזן ווייל דעמאלטס דארף ער לכולי עלמא נישט ענטפערן אמן - ווייל א מענטש ענטפערט נישט קיין אמן נאך זיין אייגענע ברכה אבער האט ער גענדיגט פאר די חזן האט געענדיגט זאל ער יא ענטפערן אמן כדעת הרמ"א און אזוי פסק'נט אויך דער 'משנה ברורה' (שם כה).

דאגעגן איז דא פון די אחרונים וועלכע ברענגען אראפ די ווערטער פון רמ"א אז אויך לכתחילה זאל מען אזוי טון. זיי דערמאנען נישט די ווערטער פון דער של"ה וועלכע ווערט געברענגט על תורת הסוד און זעה אין ספר 'הלכות יום ביום' (הערה 54) וואו ער רעכענט אויס די דעת האחרונים וועלכע האלטן אזוי. זעה אויך אין ספר 'מקור חיים' (סא ג) וואו ער שרייבט אז אדרבה מען דארף זיין געווארענט צו ענטפערן אמן נאך די ברכה פון "הבוחר בעמו ישראל" ווייל רוב וועלט איז נישט זהיר אין איר און מען הייבט אן גלייך 'שמע' און מען לאזט דער אמן.

דער בוטשאטער רב שרייבט אין זיין בפר 'אשל אברהם' (לרא"ד מבוטשאטש, שם ד) אז ווער עס האט געליינט קריאת שמע אן די ברכות יוצא צו זיין דער חוב (ראה שו"ע ס ב, ובנושאי כלים שם) קען מפסיק זיין צווישן די ברכה "הבוחר" לקריאת שמע ווען ער ליינט שפעטער קריאת שמע מיט די סדר הברכות ווייל ער איז נישט יעחט מקיים די מצוה פון קריאת שמע, ער האט עס שוין מקיים געווען פריער.

# רזי אמונים

## רמזים פון די מאה ברכות און פון אמן אין די וואכענדיגע פרשה

### אין זכות פון 'מאה ברכות' וועט די בית המקדש השלישי געבויט ווערן

"לָכֵן אֱמֹר לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל אֲנִי ה' וְהוֹצֵאתִי אֶתְכֶם מִתַּחַת סִבְלֹת מִצְרַיִם וְהִצַּלְתִּי אֶתְכֶם מֵעֲבֹדָתָם וְגָאַלְתִּי אֶתְכֶם בִּזְרוֹעַ נְטוּיָה וּבִשְׁפָטִים גְּדֹלִים" (ו ו)

אין ספר 'פענח רזא' (דברים י יב) שרייבט דער מחבר אז די שכר פון דער וואס איז מקפיד צו מאכן א טאג מאה ברכות איז אז ער וועט זוכה זיין צוזען בבניין בית המקדש.

די בחינה איז מרומז אין דער פסוק אין די וואכענדיגע סדרה. די תוה"ק שרייבט: לָכֵן - אֱמֹר לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל. אז מען וועט אויסרעכענען די ווארט "לכן" וועט מען זען אז עס באטרעפט כמנין 'מאה' און דאס זאגט דער פסוק 'לכ"ן אמר לבני ישראל' זאגט פאר אידישע קינדער אז זיי זאלן מאכן יעדן טאג מאה ברכות, ווייל דורכדעם וועלן זיי זוכה זיין צו דער "אֲנִי ה'" אז זיי וועלן ווערן אויסגעלייזט און אויך בויען די משכן וואו מען וועט קובע זיין די הונדערט אדני כסף וועלכע זענען קעגן די מאה ברכות (ולאשר אמר).

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

### דער בעל 'מכתב מאליהו'

#### כ"ד טבת תשי"ד



דער צדיק רבי אליהו אליעזר דעסלער איז געבוירן געווארן אין יאר תרנ"ב אין לאטוויע צו זיין פאטער רבי ראובן דוב דעסלער זצ"ל פון די גדולי בעלי המוסר אין זיין דור און פון די נאנטע תלמידים צו דער אלטער פון קעלם. אין די בחורישע יארן האט ער געלערנט אין די ישיבה פון קעלם. בימיו האט געדינט אלץ דער ראש הישיבה דער איידעם פון דער אלטער, רבי צבי הירש ברוידא, וועלכע איז נסמך געווארן להוראה דורך זיין פעטער רבי חיים עוזר גראדזינסקי זצ"ל.

אין יאר תרפ"ח האט זיך רבי אליהו ארויסגעלאזט קיין ענגלאנד צו באגלייטן זיין פאטער וועלכע איז דארט אריבער א מעדיצינישע באהאנדלונג. זייענדיג דארט האט מען אים פארגעשלאגן א תורה'דיגער פאסטן און ער האט באשלאסן אז ער נעמט עס אן מחזק צו זיין די ארטיגע אידן בתורה ובמצוות.

זיין רבנות האט ער אנגעהויבן אין עטליכע ערטער אין ענגלאנד, ער האט געעפענט א ישיבה אין דעלטאן, אין יאר ת"ש האט ער זיך אנגעשלאסן אין די בארימטע געיטסעהעדער כולל, וואו ער האט געדינט דארט אלץ מנהל רוחני פון די כולל.

אין יאר תש"ז האט אים דער פאנעוועזשער ראש השיבה רבי יוסף שלמה כהנמאן איינגעלאדענט צו דינען אלץ משגיח רוחני אין די פאנעוועזשער ישיבה וועלכע ער האט געגרינדעדט אין בני ברק, דארט האט ער איבערגעגעבן שיעורים און שיחות ביז זיין הסתלקות, ער איז נפטר געווארן רעלאטיוו יונג, אין די זעכציגער יארן פון א הארץ אטאקע.

זיין תורה און שמועסן איז געדרוקט געווארן אין די ספר 'מכתב מאליהו'

### א גרויסע שכר פאר א קליינע פעולה

ביי איינער פון זיין מוסר שמועסן האט דער משגיח גערעדט וועגן די חשיבות פון א ווארט - טראץ וואס עס זעט אויס א קלייניגקייט.

דערביי האט ער באטאנט אז פון די שכר ועונש וואס מען באקומט פאר יעדן ווארט קען מען זען די חשיבות פון יעדער ווארט וואס גייט ארויס פון זיין מויל.

די גמרא אין מסכת נדרים [לב א] זאגט אז ווייל אברהם אבינו האט געפרעגט פאר הקב"ה 'במה אדע' איז ער נענש געווארן אז זיינע קינדער האבן געדארפט גיין אין גלות מצרים. מען זעט פון דעם די כח פון צוויי ווערטער פון וועלכע עס האט זיך ארויסגעהערט א שטיקל פגם אין די אמונה האט כלל ישראל געליטן אזעלכע שווערigקייטן.

עס קען זיך דוכטן אז נאר צוליב די ווערטער פון אברהם אבינו איז דא א כח אבער אויך צו אונזערע ווערטער איז דא א כח. א גוטער ביישפיל דערצו איז די מצוה פון אמן. חז"ל זאגן דערויף [שבת דף קיט ע"ב] "כל העונה אמן בכל כוחו פותחים לו שערי גן עדן".

די חכמים זענען אונז מגלה אז יעדער איד - אין יעדער מצב - ווען ער שטייט פאר הקב"ה און ער ענטפערט 'אמן' מיט כוונת הלב איז ער זוכה צו אן אויסטערלישערע שכר, אז עס עפענט זיך אויף פאר אים די שערי גן עדן.

דער 'אמן' איז א קליינער ווארט, עס פאדערט זיך נישט קיין סאך, אבער די שכר פאר דעם איז זייער גרויס.

'שערי הזמנים' חנוכה עמ' רח



# "הַיָּרֵא אֶת דְּבַר ה'"

"עס איז ווערד אז יעדער איד זאל נאכלויפן און זיך משתדל זיין צו ענטפערן אמן און ארייננכאפן ווי מער אמנים. הלוואי וואלט מען זיך משתדל געווען אויף איך - ווי מען איז זיך משתדל אויף א פארדינסט - אפילו אויף א קליינער פארדינסט ווי דער פסוק זאגט אין משלי ( ב ד-ה): 'אִם תְּבַקְשֶׁנָּה כַכָּסֶף וְכַמַּטְמוֹנִים תַּחְפְּשֶׂנָּה אָז תָּבִין יִרְאַת ה'""

('חסד לאלפים' לבעל ה'פלא יועץ' נו א).

## טייערער איד!

זייט זיך מצטרף צו די גרויסע מהפכה פון מזכי הרבים - און זייט פון די גליקליכע 'אמן גבאים' - איר קענט זיך אנשליסן דורך די 'נדרים פלוס' מאשינען.

בְּרְכוֹת הַשַּׁחַר כַּהֲלָכָה

בְּקוֹל | בְּכַוָּנָה | בְּחַבְרוּתָא